# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### זיך פארמיידן פון זאגן שם שמים לבטלה

**"אִישׁ כִּי יִדֹּר נֶדֶר לַה'"** (ל ג)

**רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב** ברענגט אז דער מדרש שטעלט דא צו דער פסוק אין תהילים (קמד ד): "אָדָם לַהֶבֶל דָּמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר", און דאס איז די שייכות:

אין מסכת נדרים (י ב) ווארענען די חכמים אז דער וואס איז מקדיש א בהמה פאר א קרבן, זאל עס נישט מקדיש זיין מיטן זאגן: "לה' קרבן", נאר: "קרבן לה'". און דער **של"ה הקדוש** ערקלערט (מצה עשירה דרוש ראשון אות רנו) אז מ'האט מתקן געווען אזוי צו זאגן צוליב דער חשש טאמער דער מקדיש וועט שטארבן נאכן זאגן 'לה'', בעפאר ער וועט אניאגן זאגן 'קרבן', און עס קומט אויס אז ער האט דערמאנט דעם שם שמים לבטלה.

אויף דעם איז דער מדרש מרמז: "אִישׁ כִּי יִדֹּר" - זאל ער אכטונג געבן זאגן לויט דעם סדר: "נֶדֶר לַה'", ווייל: "אָדָם לַהֶבֶל דָּמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר", און אויב ער וועט פלוצלינג שטארבן, נאכן זאגן 'לה'', קען ער געשטרויכלט ווערן מיט דערמאנען דעם שם שמים לבטלה.

**רבי פנחס הורוויץ** דער פראנקפורטער רב האט מיט דעם ערקלערט דעם פסוק אין תהילים (קמג ג-ד): "אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה; תֵּצֵא רוּחוֹ יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו" - ווען ענק זענען מנדב א קרבן "אל תבטחו" אין ענקער לעבן און זאגן 'לה' קרבן', ווייל דער מענטש האט נישט די מעגליכקייט זיך צו העלפן פון דעם טאג פון שטארבן, און ער דארף זארגן טאמער: תֵּצֵא רוּחוֹ..." און ער וועט געשטרויכלט ווערן מיטן דערמאנען שם שמים לבטלה.

'קדושת לוי'; 'פנים יפות'

### חרטה אויף א עבירה אזוי ווי א חרטה אויף א נדר

**"לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"** (ל ג)

פון דער פסוק דרש'ענען די חכמים (חגיגה י א) אז נאר דער וואס האט געמאכט די נדר טאר נישט פארשוועכן זיינע ווערטער, אבער א חכם מעג יא מתיר זיין די נדר. אזוי אויך איז די הלכה, א חכם קען נישט מתיר זיין דעם נדר נאר אויב דער וואס האט געמאכט די נדר האט 'חרטה אויף צוריק' אויף דעם וואס ער האט געמאכט די נדר, און נישט ווען ער האט חרטה נאר פון יעצט און ווייטער (טור יו"ד רכח).

לויט די הלכה ערקלערט האדמו"ר **רבי משה יחיאל מאוזורוב** די סיבה פארוואס מיר הייבן אן די סדר פון די יום כיפור'דיגע דאווענען מיט 'כל נדרי', אונז צו לערנען אז די חרטה און די תשובה אויף אונזערע זינד דארף זיין אזוי ווי די חרטה אויף א נדר; אזוי ווי דער וואס האט חרטה אויף זיין נדר דארף חרטה האבן אויף דעם וואס ער האט בכלל געמאכט א נדר, אזוי אויך דארף דער זינדיגער חרטה האבן אויף די עצם טון די זינד, אזוי

### ולא נפקד ממנו 'אמן'

**"וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ"** (לא מט)

אין מדרש (תנחומא צו ז) ווערט געברענגט: "אמר רבי יהודה בן גדיא: יעדער וואס ענטפערט אמן אין עולם הזה איז זוכה ענטפערן אמן לעולם הבא. אזוי ווי עס שטייט (תהילים מא יד): 'בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן' - אמן בעולם הזה ואמן לעולם הבא".

א רמז אויף די מדרש טרעפט דער שאמלויער רב **רבי שלמה זלמן עהרנרייך** אין דעם פאלגנדן פסוק: די ראשי תיבות "וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ" איז "וְאָמֵן", פון דא לערנען מיר אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן אין עולם הזה וועט זוכה זיין אז זיין פלאץ וועט נישט פעלן פון צו ענטפערן אמן אין עולם הבא, וואס אויף דעם איז מרמז די ווארט "וְאָמֵן" אין פסוק: "מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן".

'אבן שלמה'

ווי עס שטייט אין 'מסילת ישרים' (פרק ד): "דער וואס טוט תשובה טוט איינערקענען אין זיין זינד און ארייינטראכטן אין די שלעכט'ס וואס ער האט געטון, און האט אויף דעם א ריכטיגע חרטה אויף צוריק, פונקט ווי א חרטה אויף א נדר, וואס ער האט אינגאנצן חרטה הלואי וואלט ער קיינמאל נישט געטון יענע זאך".

'באר משה'

### ווען פארטוישן די אידן זייער פאך

**"וְאֵת בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר הָרְגוּ בֶּחָרֶב"** (לא ח)

"הוא בא על ישראל, והחליף אומנתו באומנותם: שאין נושעים אלא בפיהם על ידי תפלה ובקשה, ובא הוא ותפש אומנותם לקללם בפיו. אף הם באו עליו והחליפו אומנותם באומנות האומות שבאין בחרב, שנאמר (בראשית כז מ): 'וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה'" (רש"י).

**רבי פנחס סג"ל**, א תלמיד פון רבי ר' יהונתן אייבשיץ, ברענגט אז מיט די ווערטער פון רש"י האט זיין זיידע געטייטש דעם פסוק (דברים לג כט): "אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ עַם נוֹשַׁע בַּה' מָגֵן עֶזְרֶךָ וַאֲשֶׁר חֶרֶב גַּאֲוָתֶךָ וְיִכָּחֲשׁוּ אֹיְבֶיךָ לָךְ": געווענליך "ישראל" זענען א "עַם נוֹשַׁע בַּה" - דורך די כח התפילה צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (תהילים כ ח): "אֵלֶּה בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵינוּ נַזְכִּיר". אבער: "וַאֲשֶׁר חֶרֶב גַּאֲוָתֶךָ" - ווען באקומען זיי די רעכט זיך באנוצן מיט די שווערד? ווען "וְיִכָּחֲשׁוּ אֹיְבֶיךָ לָךְ" - ווען די גוים טון אפשוואכן די כח התפילה, דורך דעם וואס זיי באנוצן זיך אויך מיט דער כח.

'נחלת עזריאל' - פרפראות לחכמה' [הארADנא תקע"ז]

### דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען - א תנאי אויף הצלחה

**"וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה אִם תַּעֲשׂוּן אֶת הַדָּבָר הַזֶּה אִם תֵּחָלְצוּ לִפְנֵי ה' לַמִּלְחָמָה; וְאִם לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן הִנֵּה חֲטָאתֶם לַה'"** (לב כ-כג)

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט משה געדארפט רעדן שטרענג מיט די בני גד ובני ראובן, נאך וואס זיי האבן צוגעזאגט מיט א פולן מויל (לב יז): "וַאֲנַחְנוּ נֵחָלֵץ חֻשִׁים לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"?

ערקלערט דער ירושלימ'ער רב **רבי יוסף חיים זאנענפעלד**:

משה האט געהאט א פאראיבל אויף דעם וואס די בני גד ובני ראובן האבן נישט דערמאנט דעם אייבערשטנ'ס נאמען ווען זיי האבן געזאגט אז זיי וועלן זיך שנעל באוואפענען און גיין פאראויס. פון די ווערטער: "וַאֲנַחְנוּ נֵחָלֵץ חֻשִׁים" האט זיך געפילט א גערוך פון 'כוחי ועוצם ידי', און דעריבער האט משה זיי געשטראפט מיט זיינע ווערטער און זיי קלאר געמאכט אז זייער ניצחון אין די מלחמה איז נאר דורך השי"ת.

דאס איז מרומז אין דער פסוק: "וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה: אִם תַּעֲשׂוּן אֶת הַדָּבָר הַזֶּה אִם תֵּחָלְצוּ לִפְנֵי ה' לַמִּלְחָמָה" - נאר אויב ענק וועלן מקפיד זיין דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען פארן ארויסגיין צו די מלחמה, וועט מקויים ווערן ביי ענק: "וְעָבַר לָכֶם כָּל חָלוּץ אֶת הַיַּרְדֵּן לִפְנֵי ה' עַד הוֹרִישׁוֹ אֶת אֹיְבָיו מִפָּנָיו". אבער "וְאִם לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן", ד.מ. ענק וועלן נישט דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען, דעמאלטס "הִנֵּה חֲטָאתֶם לַה'...".

און טאקע נאך די שטראף רייד פון משה טרעפן מיר אז זיי האבן יא מקפיד געווען צו דערמאנען דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אזוי ווי עס שטייט (שם כז): "וַעֲבָדֶיךָ יַעַבְרוּ כָּל חֲלוּץ צָבָא לִפְנֵי ה'".

'חכמת חיים'

### דער פארבינדונג צווישן די ערי מקלט און קריאת שמע

**"אֵת שֵׁשׁ עָרֵי הַמִּקְלָט אֲשֶׁר תִּתְּנוּ לָנֻס שָׁמָּה הָרֹצֵחַ וַעֲלֵיהֶם תִּתְּנוּ אַרְבָּעִים וּשְׁתַּיִם עִיר"** (לה ו)

זאגט דער **'אוהב ישראל'** פון אפטא:

די זעקס ערי מקלט וואו דער רוצח לויפט אהין זיך ראטעווען, זענען א רמז אויף די זעקס ווערטער פון דער ערשטער פסוק פון קריאת שמע - "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד", וואו דער זינדיגער וואס וויל מתקן זיין זיין נפש - זאל אהין לויפן און געראטעוועט ווערן.

אויך די צוויי און פערציג שטעט וואס מ'האט שפעטער צוגעלייגט זענען פארבינדן מיט קריאת שמע, ווייל זיי זענען מרמז אויף די צוויי און פערציג ווערטער פון די ערשטע קאפיטל פון קרי"ש - 'ואהבת'.

אין ספר **'זר הצבי'** לייגט ער צו א רמז: די ווארט 'שמע' איז ראשי תיבות: **'שש ערי מקלט'**.

'אוהב ישראל'; 'זר הצבי' ואתחנן


## בַּל תְּאַחֵר

דער 'יסוד ושורש העבודה' שרייבט (שער האשמורת סוף פרק ז):

"ווען עס קומט דער צייט פון גיין אין שול דאווענען, זאל ער זייער אכטונג געבן זיך נישט אויפהאלטן און נישט רעדן מיט קיינעם, אויך נישט וויכטיגע זאכן, ווייל צוליב א קליינע פארשפעטיגונג קען ער פארלירן אסאך גוט'ס..."




בְּנֵי אֱמוּנִים - מַשְׁכִּימִים לְבִרְכוֹת הַשַּׁחַר.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## ברכת התורה (א)

### 'ברכת התורה' איז מדאורייתא אדער מדרבנן

אין די ברכות התורה דאנקען מיר פאר הקדוש ברוך אויף די אויסדערוועלטע מצוה וואס מיר האבן צו דעם זוכה געווען, די מצוה פון 'תלמוד תורה', וואס אויף דעם זענען מיר באפוילן געווארן אין פסוק (דברים ו ז): "ושננתם לבניך" (זעה אין ספר החינוך מצוה תיט). אנדערשט פון אנדערע מצוות וואס דער חיוב צו זאגן א ברכה פארן עס מקיים זיין איז מדרבנן (ברכות טו א), אויף די ברכה קריגן די ראשונים צי עס איז וואו די אנדערע ברכות המצוות וואס זייער חיוב איז נאר מדרבנן אדער אפשר דער חיוב פון ברכת התורה איז מדאורייתא:

אין מסכת ברכות (כא א) לערנען ארויס די חכמים דער חיוב פון ברכת התורה פון דער פסוק (דברים ח י): "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו". און רש"י טייטש (שם ד"ה כי): בעפאר משה האט אנגעהויבן זאגן 'שירת האזינו' האט ער געזאגט פאר די אידן: "כי שם ה' אקרא" - ווען איך וועל זאגן די 'ברכת התורה' בעפאר איך וועל לערנען מיט ענק די תורה, זאלן ענק "הבו גודל לאלקינו" - מיטן ענטפערן אמן.

די ראשונים קריגן זיך צי אט דער לימוד איז א ריכטיגער לימוד, און דעריבער איז די חיוב פון ברכת התורה מדאורייתא אדער דער חיוב פון זאגן 'ברכת התורה' איז נאר מדרבנן, און די חכמים האבן געברענגט א סמך פון דער פסוק. דער רמב"ן (שכחת העשין מצוה טו) האלט אז ברכת התורה איז א מצוה מן התורה און רעכנט עס אויך אין זיין מנין המצוות (אזוי האלטן נאך עטליכע ראשונים און פוסקים, זעה אין 'משנה ברורה' אנהויב סי' מז), אבער דער רמב"ם האלט אז דער חיוב פון ברכת התורה איז מדרבנן (רמב"ן שם).

אין מדרש (דב"ר ח ב) ווערט געברענגט נאך א מקור אויף די ברכה פון דער פסוק אין תהלים (קיט יב): "ברוך אתה ד' למדני חוקיך" - פריער וועל איך דיך לויבן מיט זאגן 'ברוך אתה...' און נאר נאכדעם 'למדני חוקיך'.

### דאס פארזיכטיגקייט ביים זאגן ברכת התורה

די פסוק (ירמיה ט יב) זאגט אז ארץ ישראל איז פארלוירן געווארן "על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם", און די חכמים זאגן (בבא מציעא פה ב) אז די כוונה איז נישט אז זיי האבן נישט עוסק געווען אין תורה, נאר "שלא ברכו בתורה תחילה". ווען א מענטש לויבט דעם אייבערשטן אויף די תורה, ווייזט ער מיט דעם אז די תורה איז נישט חשוב אין זיינע אויגן. מיטן גריגשעצן די ברכת התורה האבן זיי געוויזן אז די תורה איז נישט חשוב אין זייערע אויגן, און דעריבער זאגן זיי נישט די ברכה און לויבן נישט אויף דעם (רש"י שם ד"ה שלא). נאך, ביי די ברכת התורה ברענגט ארויס דער מענטש זיין שמחה וואס ער האט אין די תורה און מצוות, און דורך דעם וואס זיי האבן נישט געזאגט א ברכה אויף די תורה, האבן די דור פונעם חורבן געוויזן אז די תורה איז אויף זיי ווי א שווערע לאסט ('תפארת יהונתן' עקב).

און דער 'שולחן ערוך' (או"ח מז א)ווארנט שוין אן אויף דעם: "ברכת התורה צריך ליזהר בה **מאוד**". דעריבער דארפן מיר זאגן די ברכת התורה מיט גרויס שמחה, ווייל מיט דעם ווייזן מיר ווי באליבט און חשוב עס איז אין אונזערע אויגן ('משנה ברורה' שם ב). און דער 'כף החיים' (שם א) לייגט צו, אז די אויסערגעווענליכע זהירות אויף וואס מיר זענען באפוילן געווארן ביי די ברכות התורה ווערט ארויסגעברענגט מיט דעם, וואס: "מ'דארף פארשטיין די טייטש פון די ווערטער, און זאגן שטייט ווארט ביי ווארט עס זאל נישט פעלן א ווארט אדער א אות". ווייל דער וועג און צוגאנג וויאזוי מיר זאגן די ברכה זאגט געבט אונז א באריכט אויף די חשיבות וואס מיר האבן צו די תורה, און די שמחה בשעת'ן לערנען און מקיים זיין די מצוות.

### זאגן מיט גרויס שמחה

אויב ווילן מיר זאגן די ברכות התורה מיט שמחה ווי עס דארף צו זיין, איז וויכטיג מיר זאלן אביסל צוריקגיין, צו די טעג בעפאר קבלת התורה, ווען הקב"ה איז אריבער צווישן אלע פעלקער און זיי אנגעטראגן זיי זאלן נעמען די תורה. די פעלקער וואס זענען אונטער די טבע און מזלות, האבן עס נישט געוואלט אננעמען, ווייל די מצוות פון די תורה זענען פארקערט פון די טבע און מזל. אבער די אידן האט דער אייבערשטער 'אויסדערוועלט' און זיי געמאכט העכער די מזל, און דורך דעם זענען גרייט געווען צו מקבל זיין די תורה, און וועגן דעם האבן זיי באלד גענטפערט "נעשה ונשמע" (ילק"ש וזאת הברכה רמז תתקנא; 'יערות דבש' ח"א דרוש ח).

פון יענע טאג און ווייטער, אין די צייט וואס אלע פעלקער פאלן פון זייער רוחניות'דיגע דרגה, שטייגט דאס אידישע פאלק פון דרגה צו דרגה. עס איז אינגאנצן נישט קיין וואונדער, עס איז גרינג צו באמערקן די ריזיגע אונטערשייד צווישן א מענטש וואס האט זוכה געווען לערנען תורה צו איינער וואס האט צו דעם נישט זוכה געווען, ווייל אויסער די עצם קדושה וואס נעמט ארום די לומדי תורה וואס ווערן דערהויבן דורך דעם, האבן זיי א ספעציעלע מעלה אז די תורה באלייכט זייער וועג זיי זאלן וויסן די וועג וויאזוי זיך צו פירן, אזוי ווי עס שטייט אין משנה אין אבות (ו א): "רבי מאיר אומר כל העוסק בתורה לשמה, זוכה לדברים הרבה... נקרא רע, אהוב, אוהב את המקום, אוהב את הבריות, משמח את המקום, משמח את הבריות, ומלבשתו ענוה ויראה, ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר ונאמן... ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים".

לויט דעם, אויב ווען מיר האלטן אין האנט א געשמאקע עסנווארג, איז דאך קלאר אז אויף אונז ליגט דער חוב צו 'באצאלן' אויף דעם א ברכה, על אחת כמה וכמה ווען מיר גייען לערנען, וואס די הנאה פון דעם איז נישט נאר א צייטווייליגע גשמיות'דיגע הנאה, נאר דאס לערנען ברענגט אונז א שטענדיגע רוחניות'דיגע צופרידנקייט אין עולם הזה, און ברענגט אונז אויך צו צו חיי העולם הבא, וויפיל מיר דארפן לויבן אויף דעם (ראה שכחת העשין לרמב"ן שם).

### ברכת התורה - א סגולה אויף זכרון

אויסער דעם, זאגן 'ברכות התורה' איז א 'וואונדערליכע סגולה' וואס העלפט צו דעם מענטש זאל קונה זיין די תורה אויף א וועג וואס ער זאל עס נישט פארגעסן. ווייל אין מסכת ברכות (לה א) וואונדערן זיך די חכמים: אין איין פסוק שטייט (תהלים כד א): "לה' הארץ ומלואה", און אין א צווייטע פסוק שטייט (שם קטו טז): "והארץ נתן לבני אדם". ענטפערט די גמרא: בעפאר די ברכה געהערט די עסנווארג פאר ה' און נישט פארן מענטש, נאר נאכן ברכה איז דער מענטש זוכה צו דעם.

אויך בנוגע די תורה קען מען אזוי זאגן: ביז ווען דער מענטש זאגט די ברכות התורה ווערט די תורה גערעכנט ווי 'תורת ה'' און ער האט נישט די מעגליכקייט עס צו געדענקען, אבער נאכן זאגן די ברכה: "ונתן לנו את תורתו... נותן התורה", איז ער זוכה צו די תורה ווי א מתנה און ער געדענקט וואס ער לערנט (צל"ח ברכות סד א).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א תפילה וואס האט געראטעוועט און געטוישט לעבן

"עס איז שווער שילדערן די געפיל וואס האט מיך ארומגענומען ווען איך האב געהאט די זכיה זיך באטייליגן ביי די מעמד "סיום הש"ס" וואס איז פארגעקומען אין אמעריקע דעם לעצטן ווינטער; עס איז שווער פארצושטעלן די ספעציעלע געפיל פון איינער וואס טאנצט צוזאמען מיט צענדליגער טויזנטער אידן וואס פייערן דעם סיום פון לערנען ש"ס ארום זיבן און א האלב יאר, ווען אין לויף פון די אלע יארן האבן זיי משקיע געווען אן אויפהער כח און פלאג צו לערנען די תורה, ביז זיי האבן זוכה געווען ענדיגן גאנץ ש"ס".

מיט די ווערטער הייבט אן הרב יואל גאלד שליט"א, פון די רבנים אין לאס אנדזשעלעס, די מורא'דיגע ערציילונג וואס ער צו דעם באקאנט געווארן ווען ער האט זיך באטייליגט ביי די ריזיגע מעמד פון סיום הש"ס וואס איז פארגעקומען אין אמעריקע דעם לעצטן ווינטער.

"צווישן די טויזנטער וואס האבן זיך מיטגעפריידט האט זיך דערקענט די אנוועזנהייט פון א עלטערער איד, טאקע איינגעבויגן אבער מיט א פריינדליכן געשטאלט, וואס איז געזיצן נעבן מיר אין לויף פון לאנגע שעה'ן, ביז צו די ענדע פון די מעמד. מיינע אויגן האבן זיך פון מאל צו מאל אפגעשטעלט אויף דעם עלטערן פריינדליכן איד, און בעפאר די מעמד האט זיך געענדיגט, ווען דער ריזיגער עולם האט געטאנצן צוזאמען לכבודה של תורה, בין איך פארגאפט געווארן אים זעהן טאנצן מיט יונגע כוחות צוזאמען מיט זיינע קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך - פיר דורות קע"ה, וואס זייער אויסזען דערציילט אז זיי זענען בני תורה. ווען צו די טענץ האט זיך צוגעשטעלט א יוגנליכער גוי וואס זיין אויסזעהן האט אינגאנצן נישט געשטימט מיט די אנדערע באטייליגטע פון דער מעמד.

ספעציעל האט מיך באנומען זעהן די געוואלדיגע שמחה וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף די פארקנייטשטע פנים פון דעם איד. איך האב געמוזט וויסן די ערציילונג וואס ליגט אונטער דעם אינטערעסאנטן געשטאלט. איך האב צוגעווארט ביז נאך זיי האבן געענדיגט טאנצן, און דעמאלטס בין איך צוגעגאנגען צו דעם אלטיטשקן און אים געפרעגט צי איך קען שמועסן מיט אים עטליכע מינוט?

דער מענטש האט געענטפערט יא, און אזוי בין איך געוואר געווארן די אינטערעסאנטע ערציילונג של הרב נתן אפלבאום שיחי' לאוי"ט".

"מיין לעבנ'ס געשיכטע הייבט זיך אן אלץ א קליין יונגל וואס לויפט ארום ווילדערהייט אין איינע פון די געגנטער אין שטאט ברוקלין" - אזוי האט הרב אפלבאום אנגעהויבן זיין גערירטע ערציילונג. "איך בין אויפגעוואקסן געווארן אין א געווענליכן אמעריקאנער אידישע שטוב, אזאנס וואס אין אמעריקע פון יענע יארן האט מען עס גערעכנט אנרופן ווי א 'רעליגיעזער' שטוב; מיר זיך געפירט אסאך פון די אידישע מנהגים, איבערהויפט שבת און יום טוב, אבער מיר האבן זיך אזוי געפירט אן מיר זאלן פארשטיין וואס אונז טון... איך האב געלערנט אין די שטאטישע שולע, און קוים עפעס אידישקייט האב איך אנגעזאפט אין מיר. אזוי בין איך געוואקסן און איך בין עלטער געווארן ווען איך ווייס כמעט גארנישט אויף מיין אידישקייט.

אין דעם טאג י"ז לחודש כסליו ה'תש"ב, אינמיטן די צווייטע וועלט'ס קריג, איז פארגעקומען די יאפאנישע איבערפאל אויף א אמעריקאנער מיליטערישע באזע אין די פערל הארבאר אינזל, וואו טויזנטער אמעריקאנער זעלנער זענען גע'הרג'עט געווארן פון דעם, און אויך צוגעברענגט א ריזיגע שאדן פאר די אמעריקאנער מיליטער. נאך די אטאקע, האט פרעזידענט רוזעוועלט דערקלערט מלחמה קעגן יאפאן.

דער פרעזינדענט האט אוסגערופן אויף א מאסיווישע מאביליזירן פון סאלדאטן צו די שלאכט, און איך בין געווען צווישן זיי. איך בין געשיקט געווארן צו דינען אין די גאוועדלקאנאל אינזל וואס געפינט אין די פאסיפיק, וואו אין יענע צייט זענען פארגעקומען שווערע און לאנגע שלאכטן צווישן די אמעריקאנער זעלנער און די יאפענער מיליטער.

אינמיטן די שווערע שלאכטן, אין א טאג וואס האט זיך אנגעהויבן גאנץ רואיג, ארום זעקס אזייגער ביינאכט, דערנאך וואס איז טונקל געווארן זענען פלוצלינג אנגעקומען די יאפענער באמבאדירער, זיי האבן געווארן זייערע באמבעס אויף די באזע וואו איך האב געדינט, און זענען אנטלאפן. זעקס אמעריקאנער זעלנער זענען גע'הרג'עט געווארן אין יענע אטאקע, צענדליגער זענען פארוואונדערט געווארן, און איך צווישן זיי.

איך בין געליגן צווישן די ברוכווארג פון די הויז וואו איך האב זיך אויפגעהאלטן, ווען איך בין שטארק פארוואונדערט און מיין באוואוסזיין איז פארנעפלט. די וועלט ארום מיר האט געפלאקערט, און איך האב געשפירט פון מינוט צו מינוט ווי איך הער אויף צו פילן מיינע הענט און פוס. עס איז מיר שווער שילדערן די געפיל וואס איך האב געשפירט ווען מיט שרעק האב איך געקוקט אויף מיינע הענט וואס זענען געהאנגען אויף מיין קערפער ווי צוויי אפגעברענטע שטיקלעך פלייש.

מיין האלדז איז כמעט דערשטיקט געווארן פון די סאך רויעך וואס איך האב ארייגעאטעמט, איך האב געהוסט אן קיין אויפהער וועלנדיג כאפן דעם אטעם, און אינצווישן, האב איך זיך געטראפן רעדן מיטן באשעפער, דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן, פון די טיפעניש פון מיין נשמה.

איך האב געשריגן מיט טרערן אן קיין שטימע: 'איך בעט דיר אייבערשטער, געב מיר צוריק מיינע הענט! איך בעט... עס געלונגט מיר נישט פילן מיינע הענט, איך בעט דיר, העלף מיר!'

פון די גרויסע ווייטאג וואס איך האב זיך געפינען האב איך צוגעלייגט און צוגעזאגט: 'איך נעם מיך אונטער, אז נאך וואס איך וועל באפרייט ווערן פון די גיהנם, וועל איך מקדיש זיין מיין לעבן דיך צו דינען ווי א באגלייבטער קנעכט!'.

ביזן היינטיגן טאג האב איך נישט א לאגישע ערקלערונג אויף די וואונדער וואס האט פאסירט עטליכע סקונדעס נאכדעם; דערנאך וואס איך בין זיכער געווען אז אויך אויב איך וועל געראטעוועט ווערן, וועל איך איבערבלייבן א קריפל אגאנץ לעבן, פלוצלינג האב איך צוריק געקומען די כח פון פילן אין מיינע הענט און פוס".

געציילטע וואכן דערנאך, נאך א לענגערע צייט פון ריכאבילאטייישן (שיקום), איז הרב אפלבאום באפרייט געווארן צו זיין עלטערנ'ס הויז, און ער האט נישט פארגעסן זיין צוזאג...

ווען ער איז אריין, צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, אין די שול "ישראל הצעיר" וואס איז געווען אין זיין געגנט, האט ער זיך אנגעקלאפט - דאס ערשטע זאך - אין די טאוול פון די 'מודעות', אויף דעם איז געווען אויפגעהאנגען א מודעה אויסגערעכנט די ליסטע פון די שיעורי תורה וואס קומען פאר קביעות'דיג אין שול.

הרב אפלבאום האט אין די מינוט באשלאסן זיך באטייליגן אין איינע פון די קביעות'דיגע שיעורים וואס קומען דארטן פאר, און פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג הערט ער נישט אויף פון צו לערנען.

לייגט צו הרב אפלבאום און דערציילט ווייטער:

"די ערשטע פראגע וואס האט מיך בעשעפטיגט ווען איך האב אנגעהויבן לערנען און איך האב דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן איינגעזען די וואונדערליכע ליכטיגקייט פון די תורה, איז געווען: וואו בין איך געווען ביז יעצט, וויאזוי האב איך מוותר געווען אויף אזא גרויסע און וויכטיגע זאך אין לויף פון אלע מיינע בחור'ישע יארן? אבער נישט א לאנגע צייט האב איך זיך אפגעגעבן מיט אט די שאלות... פשוט איך האב אנגעהויבן לערנען, און לערנען, און איך האב נישט אויפגעהערט ביזן היינטיגן טאג".

העכער פינף און זיבעציג יאר זענען אריבער פון דעמאלטס, און הרב אפלבאום לאוי"ט, לערנט נאך, אן קיין אויפהער. היינט צו טאג געפינט ער זיך אין א 'מושב זקנים', אבער זיין צימער וואס איז אנגעפאקט מיט ספרים זעהט מער אויס ווי א בית המדרש... פאר די שטאב וואס פון מאל צו מאל קומען זיי אריין צו אים אין צימער און פרובירן אים איבעררעדן ער זאל ארויסגיין פון צימער און זיך באטייליגן אין פארשידענע 'אקטיוויטי' וואס קומען דארט, צייגט הרב אפלבאום מיט שטאלץ אויף די סאך ספרים וואס טון אנפילן די פאליצעס פון זיין ספרים שאפע אין זיין צימער, און זאגט זיי:

"אנטשולדיגט, אבער די 'אקטיוויטי' איז מיר ענדערשט... איך 'רעד' מיטן אייבערשטן אגאנצע צייט בשעת'ן לערנען, איך בין פשוט 'פארקויפט' אויף לערנען און איך קען נישט אויפהערן..."

דער סדר היום פון הרב אפלבאום הייבט זיך אן אין פריה שעה באלד ביים אויפשטין פון שלאף, מיט א לויב צו ה' אויף די לעבן וואס ער שענקט אים מיט זיין רחמנות, מיטן זאגן: "מודה אני..." מיט א ספעציעלן ניגון וואס ער מיט זיין ברייט פארצווייגטע פאמיליע פירן זיך אזוי שוין אסאך יארן.

ווען מ'פרעגט פון הרב אפלבאום וואס איז דער סוד פון די ספעציעלע ברכה וואס ער האט צו דעם זוכה געווען, צו אזא געוואלדיגע אריכות ימים געזונטערהייט בלעה"ר? ווייזט ער מיט א באשיידנהייט אויף די קאלירטע פלאקאט וואס הענגט העכער די קראן אין זיין צימער, אויף דעם שטייט געשריבן די ברכה 'אשר יצר' מיט גרויסע און שיינע אותיות, באצירט מיט שיינע בילדער וואס שילדערן די וואונדערליכע ניסים וואס באגלייטן די קאמפלעטע ארבעט פון דער קערפער, און אויף דעם לויבן מיר אין די ברכה, און זאגט:

"אין די לעצטע פופציג יאר , האב איך נישט געזאגט, אפילו איינמאל, די ברכה 'אשר יצר' נישט אינעווייניג! איך טוה איינערקענען די גרויסע ניסים וואס ה' טוט מיט מיר און מיט מיין קערפער, און איך בין זיך משתדל אים לויבן אין יעדע געלעגנהייט, פון טיפן הארץ".

הרב אפלבאום ענדיגט זיינע ווערטער מיט א שארפע אנזאג פארן יונגן דור: "אויב דו טוסט זיך צובינדן צו ה', האסטו א 'פאספארט' אויף גן עדן! האסטו א 'פאספארט' אויף חיי העולם הבא!".

"בעפאר איך האב זיך געזעגנט פון דעם ספעציעלן פערזענליכקייט וואס איך האב באגעגנט" - דערציילט הרב גאלד - "האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן פון אים צו פרעגן: 'ווער איז דער מענטש מיט דעם פרעמדן געשטאלט וואס איז געטאנצן מיט דיר און מיט דיינע קינדער ביי די סיום הש"ס?'".

הערנדיג די פראגע האט הרב אפלבאום זיך צושמייכלט און האט געענטפערט: "דאס איז מיין 'טעראפיסט'!", און האט ערקלערט: "ווען משיח וועט קומען, און דאס וועט זיין בקרוב... וועלן אלע גוים איינזען די אייביגע אמת און זיי וועלן זיך אונטערטעניגן אונטער השי"ת'ס קעניגרייך. ווען די ריזן ציבור האט געזינגען: 'וטהר ליבנו לעבדך באמת', האב איך געטראכט צו מיר: פארוואס זאלן מיר נישט מאכן א אנשטעל כאילו משיח איז שוין דא...? איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט צו אים און אים גערופן טאנצן צוזאמען מיט מיר".

ציצובים shay